# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................**7:10**
מוצאי שב"ק.....................**8:42**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך........................מיכה ד'-ה'
בבלי.......................יבמות ל"ג
ירושלמי.........בבא מציעא ל"ד
תוספתא.......................ערכין ד'
רמב"ם....מטמאי משכב ומושב ג'


פרשת מצורע, שבת הגדול, שנת תשפ"ב לפ"ק

שנה 11, גליון 32 (547)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְיָצָא הַכֹּהֵן אֶל מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת מִן הַצָּרוּעַ**, אַ מְצֹרָע זִיצְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה, אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ, **בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ**, אוּן וֶוען עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוּן וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט, קֶען עֶר צוּרִיק אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי מַחֲנֶה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג'), וֶוער עֶס הֶערְט אַ נִיגוּן פוּן אַ מְנַגֵּן רָשָׁע, מַאכְט דָאס אִים שְׁוֶוער פַאר עֲבוֹדַת ה', אוּן וֶוען מֶען הֶערְט זִינְגֶען פוּן אַן עֶרְלִיכְן זִינְגֶער, אִיז עֶס גוּט פַאר עֲבוֹדַת ה'. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, אַפּוֹטְרוֹפּוֹס, הֲלָכָה ג') אַז דָאס אִיז נִישְׁט דַוְקָא אַ נִיגוּן, נָאר יֶעדֶע קוֹל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוֹיב קוּמְט עֶס פוּן אַן עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, הֶעלְפְט עֶס צוּ עֲבוֹדַת ה', אוּן אוֹיב קוּמְט עֶס פוּן אַ רָשָׁע, מַאכְט עֶס פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דִי לוּפְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ רָשָׁע'ס מוֹיל, בְּרֶענְגְט קִנְאָה מִיט שִׂנְאָה אוּן קְרִיגֶערַייעֶן צְוִוישְׁן אִידְן, אוּן דָאס קוֹל וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס בַּארוּאִיגְט דִי גֶעמִיטֶער אוּן מַאכְט אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶערֶע.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דֶעם מְצוֹרָע, עֶר הָאט דָאךְ גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוּן גֶעמַאכְט מַחְלוֹקֶת אוּן צֶעטֵיילוּנְגֶען צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, דֶערִיבֶּער שִׁיקְט מֶען אִים אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, עֶר זָאל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַבִּיסְל אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע הוֹיט דֶער טַעַם פוּן זַיין אַלֵיין, פוּן זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן מֶענְטְשְׁן.

אִין אַן עִיבּוּר יָאר קוּמְט גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיס שַׁבָּת הַגָּדוֹל אִין פַּרְשַׁת מְצוֹרָע. דֶער פָּשׁוּטֶער טַעַם פַארְוָואס דֶער שַׁבָּת הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" אִיז צוּלִיבּ דִי הַפְטוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט דִי וָואךְ, וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט דָארְט (מַלְאָכִי ג', כ"ג) **הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' 'הַגָּדוֹל' וְהַנּוֹרָא**, אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גְאוּלָה אֵיידֶער מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אוּנְז קוּמֶען אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת. אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִינְמִיטְן דִי וָואךְ הוֹיבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן פוּן אַ שַׁבָּת פְרִיעֶר, אוּן דֶערִיבֶּער וֶוען מֶען הַאלְט אַ שַׁבָּת פַאר יְצִיאַת מִצְרַיִם, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע גְאוּלָה פוּן דִי אִידְן, גְרֵייטְן מִיר זִיךְ שׁוֹין צוּם לֶעצְטְן גְאוּלָה, מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאל אוּנְז שׁוֹין שְׁנֶעל קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

חֲזַ"ל זָאגְן (עֵדֻיּוֹת ח', ז') **"אֵין אֵלִיָּהוּ בָּא, אֶלָּא לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם"**, דֶער עִיקָּר תַּפְקִיד פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז צוּ מַאכְן שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי גְאוּלָה. דֶער גַאנְצֶער חוּרְבָּן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען נָאר צוּלִיבּ שִׂנְאַת חִנָּם, אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן אַ צְוֵוייטְן, וִוי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן בַּאֲרִיכוּת (גִיטִין נ"ה:) וִוי אַזוֹי יְרוּשָׁלַיִם אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן צוּלִיבּ דִי מַעֲשֶׂה פוּן קַמְצָא וּבַר קַמְצָא, אוּן מִיר לַיידְן נָאךְ פוּן דֶעם בִּיז הַיינְט, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ס"ט:) "עֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", דֶערְפַאר דַארְף קוֹדֶם קוּמֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא שָׁלוֹם צוּ מַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָה, הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּי"ן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זי"ע אוּן אִינְמִיטְן הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף אַסַאךְ פְּלֶעצֶער אַז אַ זַאךְ דַארְף בְּלַייבְּן לִיגְן "עַד שֶׁיָּבוֹא אֵלִיָּהוּ", בִּיז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען אוּן זָאגְן פַאר וֶועמֶען עֶס בַּאלַאנְגְט. לִכְאוֹרָה וִוי אַזוֹי וֶועט אֵלִיָּהוּ זַיין בַּאגְלֵייבְּט, מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז אַן "עֵד אֶחָד" אִיז נִישְׁט בַּאגְלֵייבְּט בַּיי גֶעלְט זַאכְן, מֶען דַארְף דָאךְ הָאבְּן צְוֵויי עֵדִים. דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דִי שְׁוֶוערֶע קַשְׁיָא, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז וֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט מַאכְן שָׁלוֹם, וֶועט דֶער גַנָּב זִיךְ אַלֵיין מוֹדֶה זַיין אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ דִי עֵדוּת פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם עֶנְטְפֶער.

דֶערִיבֶּער קוּמְט אוֹיס שַׁבָּת הַגָּדוֹל אִין פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, וַוייל יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין דֶעם עִנְיָן, נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין מַחְלוֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם, זֶען שָׁלוֹם צוּ מַאכְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, לֶעבְּן גוּט מִיט יֶעדְן, קֶענֶען לַיידְן אַ צְוֵוייטְן, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא בְּקָרוֹב, אוּן עֶר וֶועט אוּנְז מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אוֹיף וָואס מִיר וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, אַז מִיר וֶועלְן שׁוֹין וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת, אוּן וֶוערְן נָאנְט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מְצוֹרָע שַׁבָּת הַגָּדוֹל תשס"ג)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
### שַׁבָּת הַגָּדוֹל

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ד') כִּי מִי גוֹי "גָּדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו - וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָּאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים, זֶעט מֶען אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָּאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע - דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן, זָאגְט דִי גְמָרָא (מְגִילָה כ"ז) אַז אַלֶע נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען וִוידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס "גָּדוֹל" - "גְרוֹיס".

דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת "הַגָּדוֹל" - דֶער "גְרוֹיסֶער" שַׁבָּת.

דֶער טוּר בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ת"ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִּים אוּן עֶס צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַ אִיד דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא"שׁ זָאל אִים גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דֶעמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן נֶעמֶען דִי פָּאסְט, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִים: "קוּק אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן אִין דִי פָּאסְט וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה", עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דִי פָּאסְט, דָארְט אִיז גֶעלֶעגְן אַ הַזְמָנָה פַאר אַ חֲתוּנָה, מוֹהֲרָא"שׁ עֶפְנְט עֶס אוֹיף אוּן וַוייזְט אִים: "קוּק וָואס מֶען שְׁרַייבְּט דִיר, 'קִידּוּשָׁא רַבָּה אַחַר הַתְּפִילָה' מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קְדוּשָׁה רַבָּה נָאכְן דַאוֶוענֶען"; אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען עֶפְנְט דִי מוֹיל אוּן מֶען שֶׁעפְּשֶׁעט אַ תְּפִילָה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג, אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן" - דָאס בְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָׁה.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען פֶּסַח צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן גֶעקְרֶעכְצְט: "וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּם פֶּסַח אַלֵיינְס?" וַוייל רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן, אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין גֶעלְט, "אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין", עֶסְן אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, "אָבֶּער וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם פֶּסַח אַלֵיינְס?" וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם קְדוּשַּׁת הַפֶּסַח; דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעקְרֶעכְצְט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ: "וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּם פֶּסַח?" הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט שַׁארְף אוּן קְלָאר: "דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּם פֶּסַח? עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן הוֹיבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ הָאסְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּ קוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תש"פ)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# נִישְׁטָא וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ה אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

דָאס וָואס אִיר סְטְרַאשֶׁעט אַז אִיר גֵייט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, אִיר גֵייט נִישְׁט הִיטְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיר שְׁרַייבְּט מֶען הָאט גֶעמַאכְט אִיר זָאלְט פַיינְט הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט; אִיךְ הָאבּ פַאר אַייךְ נַייעֶס, נִישְׁטָא וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן! אוֹיבּ אִיר וֶועט אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט וֶועט אַייךְ נִישְׁט בֶּעסֶער וֶוערְן דָאס לֶעבְּן, וֶוער עֶס לוֹיפְט אַוֶועק פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג - לוֹיפְט צוּם טוֹיט. אַזוֹי וִוי דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, יב): "יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר, לִפְנֵי אִישׁ", עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וָואס זֶעט אוֹיס פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וִוי אַ גוּטֶע וֶועג, "וְאַחֲרִיתָהּ, דַּרְכֵי מָוֶת", אָבֶּער דֶער סוֹף אִיז טוֹיט.

וִויסְן זָאלְט אִיר, אִידִישְׁקֵייט מַאכְט נִישְׁט שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, דָאס לֶעבְּן פַאר זִיךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ; כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה אִיז דָאס לֶעבְּן אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, אַ בִּיטֶערֶע זַאךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כב): "עַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי", מֶען לֶעבְּט גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט; מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פַאר אַ לֶעבְּן עֶר ווִיל, אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע לֶעבְּן, דָאס אִיז עֶס, דָאס לֶעבְּן אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ; נָאר אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן - דֶעמָאלְט וֶוערְט דָאס לֶעבְּן זִיס. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט) יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יִסּוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסּוּרִים, אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יִסּוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵוייניג אוּן פוּל מִיט וֵוייטָאג; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיר סְטְרַאשֶׁעט מִיר, וָואס בִּין אִיךְ אַייךְ שׁוּלְדִיג? וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר? עֶס לִיגְט אִין אַייעֶרֶע הֶענְט בּוֹחֵר צוּ זַיין וִוי אַזוֹי אֵייעֶר לֶעבְּן זָאל זַיין. אִיר קֶענְט אַנְטְלוֹיפְן, אָבֶּער דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלט, י): "גַּם שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי וְתֹאחֲזֵנִי יְמִינֶךָ", אוֹיךְ דָארְט וואו מֶען אַנְטְלוֹיפְט דֶערְגְרַייכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, נִישְׁטָא וואו אַוֶועק צוּ לוֹיפְן, אִיר הָאט אֵיין בְּרֵירָה, אִיר קֶענְט לוֹיפְן צוּ אִים, אִיר קֶענְט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיפְזוּכְן גוּטְס אִין לֶעבְּן אוּן דַאנְקֶען פַאר דִי גוּטְס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט, נִישְׁטָא קַיין לֶעבְּן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם, כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנֹּם כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', וַוייל דָא אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דֶער גֵיהִנּוֹם אַלֵיינְס, וַוייל יֶעדֶער אִיז פוּל מִיט יִסּוּרִים; אֵיין עֵצָה אִיז דָא, אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אוּן דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם.

אִידִישְׁקֵייט מַאכְט מֶען זָאל הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ד, טז): "הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא", דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי וִוי אַן אַרַיינְגַאנְג צוּ אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע זַאל, "הַתְקֵן עַצְמְךָ בַּפְּרוֹזְדוֹר, כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לַטְּרַקְלִין", אַז מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בַּיים אַרַיינְגַאנְג, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע פְלַאץ אוֹיבְן אִינֶעם שֵׁיינֶעם זַאל; אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטֶערֶע זַאךְ, אִידִישְׁקֵייט אִיז וָואס מֶען נֶעמְט מִיט זִיךְ מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוער אִיז אַייךְ עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג? וֶוער קוּמְט אַייךְ עֶפֶּעס? נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי וֶוערְטֶער: "קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט", וָואס אִיר בַּאקוּמְט אִיז אַ מַתָּנָה; וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסּוּרִים, עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט נִמְאָס וֶוערְן אֵייעֶר לֶעבְּן. אַז אֵייעֶר מַאן רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַייךְ - אִיז דָאס אַ מַתָּנָה פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא, אוּן אַז עֶר רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ אַייךְ - אִיז דָאס אוֹיךְ פוּן גָאט; בֵּייגְט אֵיין אֵייעֶר קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶע צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אַייךְ אַלֶעס גוּט וֶוערְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ תשפ"ב)



בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ'ן פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁען נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ אַ נֵס וָואס הָאט דֶעמָאלְט פַּאסִירְט וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים מִזְמוֹר קל"ו) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי מִצְרִיִּים אַז דִי בְּכוֹרִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, זֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע טַאטֶעס אוּן גֶעזָאגְט: "בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁען אַלֶעס וָואס משֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, ווִילְט אִיר נִישְׁט אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן? לָאזְט אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן!" הָאבְּן דִי טַאטֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֲפִילוּ אַלֶע מִצְרִיִּים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן דִי אִידְן פוּן דָא!", זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "לָאז אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן דָא, מִיר הָאבְּן נָאר צָרוֹת פוּן זֵיי", הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרַייבְּן דִי בְּכוֹרִים. וָואס הָאבְּן דִי בְּכוֹרִים גֶעטוּן? יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן גֶע'הַרְגֶ'ט זַיין טַאטֶע, "לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם", זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מִצְרִיִּים זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶע'הַרְגֶ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּכוֹרִים.

זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעשֶׁען, אוּן אַלֶעס נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן עֶס טַאקֶע גֶעטוּן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעשֶׁען דִי נִיסִים, אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל".

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער עִיקָר גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פוֹעלְ'ן מִיט תְּפִלָּה, בִּיז משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס פוֹעלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח" - "פֶּה-סָח" אַז דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט אִין "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, מֶען זָאל ווִיסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זֵייעֶר לִיבּ, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פוֹעלְ'ן בַּיי אִים, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ח): דֶעם טַעַם פַארְוָואס מֶען דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם טִישׁ אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל. וַוייל דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, אוֹיף רֶעדְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מא, כב) "וַיְדַבֵּר" אֵלַי זֶה "הַשֻּׁלְחָן" אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'. דֶערְפַאר דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ וַוייל דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט. פַאר מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז דֶער דִיבּוּר נָאךְ גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן "פֶּסַח" - "פֶּה-סָח", מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, אִיז דֶער דִיבּוּר אַרוֹיס פוּן גָלוּת.

עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אַז אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל עֶסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם גֶעוֶוענְלִיכְן פְלַאץ וואו מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁבָּת, וַוייל דָארְט אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, מֶען עֶסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִישׁ. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פַאר פֶּסַח אִיז דֶער טִישׁ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְלַאץ. בִּיז עֶס קוּמְט פֶּסַח, עֶסְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר שׁוֹין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְלַאץ, וַוייל דֶעמָאלְט גֵייט יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט טַאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוֹיף דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע טִישׁ, קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מְסוּדָּר אַלֶעס וִוי נָארְמַאל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוענְדְט זִיךְ צוּ עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וַוייל כַּעַס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה. דֶערְפַאר אוֹיבּ ווִיל מֶען טַאקֶע פַארְרֶעכְטְן דֶעם טִישׁ אוּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן קֵיינְמָאל, אוּן פִירְן דֶעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען דִי הַפְטוֹרָה פוּן "וְעָרְבָה לַה'", דָאס הָאט שַׁייכוּת מִיט שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט דָארְט בַּיים סוֹף דֶעם פָּסוּק "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' 'הַגָּדוֹל' וְהַנּוֹרָא", מִיר וַוארְטְן שׁוֹין וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער "יוֹם הַגָּדוֹל", וֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'" - וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַז עֶר וֶועט זַיין דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען זָאגְן דִי בְּשׂוּרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אוּן יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אִים דִינֶען.

דָאס אִיז דִי הֲכָנָה וָואס מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוען מֶען וֶועט צוּגְרֵייטְן דֶעם כּוֹס פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר אִים, צוּ וַוייזְן אַז מִיר נֶעמֶען אָן דִי לִמּוּדִים וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט אִים זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן דִי הַפְטוֹרָה "וְעָרְבָה לַה'" - דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ זִיסְקֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ שַׁבָּת הַגָּדוֹל)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן

# הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קלה)

## תפח

שַׁבָּת פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנָּן, שַׁבָּת נַחֲמוּ, י"א אָב, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "תְּהִלָּה לְדָוִד" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ב), אוּן אִין דִי תּוֹרָה הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ', א') "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטַייטְשְׁט דִי טָאפְּלְטֶע לָשׁוֹן "נַחֲמוּ נַחֲמוּ", אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי צַדִּיקִים, צַדִּיק עֶלְיוֹן אוּן צַדִּיק תַּחְתּוֹן, אַזוֹי אִיז עֶס גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי לָשׁוֹן הַחֲבֵרִים.

שְׁפֶּעטֶער הָאט אָבֶער דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דִי תּוֹרָה פוּן זַיין הֵיילִיגְן כְּתַב יַד, עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן פוּן כְּתַב יַד קָדְשׁוֹ, הָאט עֶר דָארְט אוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם פְּשַׁט אוֹיף "נַחֲמוּ נַחֲמוּ". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט זַיינֶע כַּוָּונוֹת.

## תפט

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי קַשְׁיוֹת וָואס דִי וֶועלְט הָאט אוֹיף צַדִּיקִים, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף אִים, וָואס מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט אַסַאךְ קַשְׁיוֹת אוֹיף אִים. הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶעמָאלְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת, "דוּרְךְ דִי קַשְׁיוֹת וָואס מֶען פְרֶעגְט אוֹיף אוּנְז, מִיט דֶעם הָאבְּן מִיר פַּרְנָסָה אוּן עֲשִׁירוּת. וַוייל דִי עֲשִׁירוּת אוּן פַּרְנָסָה וָואס קוּמְט צוּ צַדִּיקִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, אִיז נָאר דוּרְךְ קַשְׁיוֹת. וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ס"ג.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ג', ט"ז) "אֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ בִּשְׂמֹאולָהּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד", דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ זֶענֶען זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים אוּן דִי וָואס לֶערְנֶען שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בַּאקוּמֶען עוֹשֶׁר אוּן כָּבוֹד, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא, דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ בַּאקוּמֶען דֶען נִישְׁט קַיין עוֹשֶׁר וְכָבוֹד? עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא אַז זֵיי בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע, סַיי אֲרִיכוּת יָמִים אוּן סַיי עוֹשֶׁר וְכָבוֹד, אָבֶער דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ בַּאקוּמֶען נָאר עוֹשֶׁר וְכָבוֹד; קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען חֲזַ"ל וָואלְטְן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט דִי קַשְׁיָא, וָואלְטְן דִי צַדִּיקִים בִּכְלָל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין עוֹשֶׁר וְכָבוֹד, נָאר דוּרְךְ דִי קַשְׁיָא אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער תֵּירוּץ אַז דִי צַדִּיקִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ זָאלְן יָא בַּאקוּמֶען עוֹשֶׁר וְכָבוֹד, קוּמְט אוֹיס אַז דַוְקָא דוּרְךְ קַשְׁיוֹת הָאבְּן דִי צַדִּיקִים פַּרְנָסָה".

[כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט אַלְס אַ וֶוערְטְל, לִיגְט אָבֶער אִין דֶעם גָאר טִיפֶע זַאכְן אוּן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת. אִין אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ אִין זַיינֶע וֶוערְטְלֶעךְ, לִיגְן בַּאהַאלְטְן גֶעוַואלְדִיגֶע טִיפֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.

אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט נָאר אַבִּיסְל אֱמֶת'עֶ שֵׂכֶל, קֶען פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן אַבִּיסְל גֶעוַואלְדִיגֶע רְמָזִים זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶערְפוּן.

לוֹיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, אַז מֶען לֶערְנְט גוּט אָפּ דִי תּוֹרָה, קֶען מֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין דֶער סוֹד פוּן דֶעם וֶוערְטְל.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַ וֶוערְטְל, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אִין עוֹלָם הָאֲצִילוּת. דָאס הֵייסְט אַז עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ שִׂמְחָה אוֹיךְ אִין עוֹלָם הָאֲצִילוּת, אוֹיךְ דָארְט הָאט מֶען גֶעשְׁמֵייכְלְט פוּן דֶעם וֶוערְטְל.

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ בִּיקְס זִיךְ צוּ בַּאהִיטְן פוּן טֶערָאר אַטַאקֶעס?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

נָאךְ אַזוֹיפִיל טְרַאגֶעדְיֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט דִי לֶעצְטֶע וָואךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי אַזוֹיפִיל אִידְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען אִין שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶעס, בִּין אִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וּבִפְרַט אַז אִיךְ הָאבּ קְלִיעֶנְטְן אַרַאבֶּער, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַן הַצָּעָה צוּ נֶעמֶען לַייסֶענְס צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ בִּיקְס, אִיז דָאס כְּדַאי? אִיז דָאס הִשְׁתַּדְּלוּת?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ח אָדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ הַאלְטְן מִיט זִיךְ אַ קְלֵיין מִשְׁנַיוֹת'ל מִיט נָאךְ סְפָרִים, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע מִינוּטְן זָאלְסְטוּ אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה, דָאס וֶועט דִיךְ הִיטְן, דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, ד): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם תָּמִיד", אַ אִיד וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, "בִּשְׁבִיל לְהַרְבּוֹת כְּבוֹד שָׁמַיִם", כְּדֵי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֵינוֹ צָרִיךְ לֹא חֶרֶב וְלֹא חֲנִית וְלֹא כָּל דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ שׁוֹמֵר", דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַ שְׁוֶוערְד אָדֶער אַ פַּאנְצֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶס, "אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשַׁמְּרוֹ בְּעַצְמוֹ", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הִיט אִים.

אֵיינֶער פוּן דִי גֶעשָׁאסֶענֶע אִיז אוֹיךְ אַ פָּאלִיצֵיי מַאן, דֶער פָּאלִיצֵיי מַאן הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ אַ גְרוֹיסְן בִּיקְס; זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען הָאבְּן מִיט זִיךְ אַ גְרוֹיסֶער בִּיקְס אוּן אוֹיךְ וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'עֶט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הִיטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוּנְז שׁוֹין שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< נייעס

זעלקאוויטש הי"ו אויף 347-661-2579, און מאכט זיכער אז מען קען נאך אננעמען אייער ארדער.

**ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים!**

***

# קויפט זכותים פון א גאסט אויף יום טוב

די בארימטע חסד אפאראט פונעם ברסלבער בית התבשיל וואלט זיך באמת פארדינט א ספעציעלער באריכט, ווייל צוליב וואס רוב פון זייערע אקטיוויטעטן גייען אן שטילערהייט אן קיין שום פאמפע און דראמא, וואס רוב ציבור האלט בכלל נישט מיט; דאס הייסט אז אויסער דאס וואס דער ציבור האלט מיט ווי זיי ארגאניזירן ריזיגע חלוקות פון צייט צו צייט, ווען עס ווערט אויסגעטיילט גאר אסאך נוצבארע ווערטפולע פראדוקטן, ווי ברויט, מילך, אייער, פלייש, פרוכט, מילכיגס און נאך, האבן זיי א באזונדערע ריזיגע און גאר קאסטבארע פראיעקט פון באצאלן גאנצעטע גראסערי ארדערס פאר פילע נויטבאדערפטיגע משפחות אויף שבת און יום טוב, וואס דאס געלט ווערט שטילערהייט אריינגעלייגט אין זייער אקאונט, אן דעם וואס איינער זאל אפילו מיטהאלטן.

דער פראעקט האט שוין אויסגעצאלט אין די לעצטע זעקס חדשים אליינס איבער פופציג טויזנט דאלער ווערט פון גראסערי ארדערס, און דאס אלעס ווערט באצאלט בלויז דורך וואילע דורכשניטליכע פארדינערס גוטהארציגע אידן וואס ווארפן אריין כסדר אפאר דאלער צום געטרייען מנהל בית התבשיל מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו.

דער מנהל ר' שלמה זאגט, אז יעצט צום בעפארשטייענדע יום טוב פסח דארף דער בית התבשיל דרינגענד באצאלן ארדערס אין די גראסערי אין די ווערט פון איבער צוואנציג טויזנט דאלער, וואס דער בית התבשיל וועט מיט'ן אייבערשטענס הילף צוזאמשטעלן פון נדבנים אזוי ווי אייך, און דערמיט צושטעלן אלע יום טוב'דיגע געברויכן פאר פילע משפחות וואס זענען אנגעוויזן דערויף.

יעצט ווערט פארקויפט זכותים לכבוד יום טוב; מען קען קויפן די זכות פון א דורכשניטליכע משפחה יום טוב ארדער פאר $500, אדער די זכות פון א קליינע משפחה פאר $250.

די זכות פון געבן צדקה און געבן צו עסן פאר אידן אויף יום טוב, וועט אייך ביישטיין אז עס זאל אייך קיינמאל גארנישט פעלן, איר זאלט האבן א פרייליכע יום טוב מיט די גאנצע משפחה, און זוכה זיין צו ווערן געבענטשט פון אייבערשטן מיט בני חיי ומזוני רוויחי.

אין א בריוו די וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א: "איך בעט אלע אנשי שלומינו, העלפט ארויס דעם "בית התבשיל" וואס שטעלט צו עסן פאר אנשי שלומינו א גאנץ יאר, און אויך פאר יום טוב און פאר פסח. האברך שלמה יאקאבאוויטש נרו יאיר איז געשטעלט אויפ'ן בית התבשיל און אויך צו העלפן משפחות זאלן קענען איינרישן שבתים און ימים טובים", און דער ראש ישיבה פירט אויס: "בזכות דעם וועט איר זוכה זיין צו שפע ברכה און הצלחה"

רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה צו 718-306-2448, און אין דעם זכות זאלט איר האבן אלע גוטס וואס איר וואונטשט זיך.

**פתח תפתח את ידך לו!**

## שְׁנַת תקס״ד

### תצ

רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שְׁנַת תקס״ד, אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אַלֶע שְׁטֶעט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, צוּ דַאוְנֶען בַּיי אִים, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער (זֶע אוֹיבְן, אוֹת ת״ט).

### תצא

בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ״ט, ט״ז) ״אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה״ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן י״ג). דָאס אִיז זֵייעֶר אַ טִיפֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט פוּן מַמְשִׁיךְ זַיין הַשְׁגָּחָה, הִתְגַּלּוּת מָשִׁיחַ, וָואס בְּרֶענְגְט תּוֹרָה, אוּן צֶעבְּרֶעכְט תַּאֲווֹת מָמוֹן, אוּן נָאךְ, עַיֵּין שָׁם.

### תצב

דָאנֶערְשְׁטָאג, ב׳ כִּסְלֵיו, אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי נָתָן, מָרַת חַיָּה לַאנְיֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט וָואס עֶר קֶען טוּן אַ טוֹבָה פַאר זַיין מַאמֶע׳ס נְשָׁמָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״דוּ זָאלְסְט מַאכְן ׳אֲשֶׁר יָצַר׳ עֶרְנְסְט״.

### תצג

מִיטְוָואךְ, כ״ט כִּסְלֵיו, אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי גְּדַלְיָ׳ מִלִינִיץ זי״ע, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צוּ דִי רֶעכְטֶע הַאנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן בִּשְׁעַת דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיף אִים.

### תצד

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ב׳ טֵבֵת, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ״א, ד׳) ״תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר בַּכֶּסֶה״, (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן י״ד), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִין דִי תּוֹרָה אַ הֶסְפֵּד אוֹיף דֶעם צַדִּיק, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דָארְט וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת כ״א:) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין הֶסְפֵּד אִין חֲנוּכָּה. אוֹיךְ הָאט עֶר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וֶוען עֶס וֶוערְט נִסְתַּלֵּק אַ צַדִּיק אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל יֶעדֶער צַדִּיק הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, אוּן וֶוען עֶר וֶוערְט נִסְתַּלֵּק גֵייט אוֹיךְ אַוֶועק זַיין חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער אִיז שְׁוֶוער דֶעמָאלְט צוּ זָאגְן תּוֹרָה.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## קמחא דפסחא קאמפיין, אויסצוצאלן די מלמדים און לערערינס אויף פסח

אין די יעצטיגע טעג איז איינגעפעדימט געווארן די יערליכער "קמחא דפסחא קאמפיין", וואס צילט צו דעקן די געהאלטן פון די געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים און לערערינס אין אונזערע מוסדות, אז די ערליך פארדינטע פעי׳ראל פון אלע איינגעשטעלטע זאלן זיין אויסגעצאלט ביז׳ן יום טוב פסח הבעל"ט.

די פינאנציעלע מצב פון די הייליגע מוסדות איז יעצט זייער שווער. עס האלט שוין דארט אז מען איז שוין שולדיג שווערע צענדליגע טויזנטער דאלערס פאר די איינגעשטעלטע פון די ישיבה, תלמוד תורה, און מיידל סקול.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען צו עפענען אין די לעצטע יאר נאך עטליכע סניפים פון די מסודות אין עטליכע שטעט, וואס גייען אן ברוך ה׳ מיט גרויס הצלחה, די קינדער בליען און שטייגן אזוי שיין ברוך ה׳, פון די אנדערע זייט האט עס אבער צוגעלייגט גאר אסאך פרישע הוצאות, וואס די הנהלת המוסדות פלאגן זיך יעדן טאג צו טרעפן פון וואו צו דעקן דעם שטארק פארגרעסערטן דעפיציט.

אין די יעצטיגע ערב פסח צייט, פילן אנשי שלומינו פאר וויכטיג ארויסצואווייזן הכרת הטוב און שטיצע פאר די חשובע מלמדים און איינגעשטעלטע וועלכע געבן זיך איבער בלב ונפש פאר אונזערע קינדער במשך די גאנצע יאר, זיי לייגן אריין זייער הארץ און נשמה אין די טייערע קינדערלעך, און טוען אלעס וואס זיי קענען אז זיי זאלן אויסוואקסן מיט א ריינע אמונה, און פילן אן די קעפעלעך מיט תורה און יראת שמים, און דאס אלעס אן דערנידערן אדער פארשעמען ח"ו, נאר מיט׳ן אויסגעטרעטענעם וועג וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט, אויפצובויען די טייערע קינדערלעך, און אזוי אריינלייגן אין זיי א ליבשאפט צום אייבערשטן, צו די תורה, און צו די מצוות.

יעצט ווען עס קומט דער הייליגער און פרייליכער יום טוב פסח, איז אונזער פליכט צו טון וואס מיר קענען אז זיי זאלן זיך נישט דארפן מוטשען צו קענען איינקויפן אלעס וואס עס פעלט זיך אויס לכבוד יום טוב.

אין די לעצטערע יארן איז דער קאמפיין ברוך השם געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה, אנשי שלומינו האבן זיך זייערווארעם אנגערופן מיט גרעסערע סכומים, און מען האט געקענט אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע פאר פסח און זיי פארשאפט א שמחת יום טוב.

מיט אייער ווארימע נדבה וועלן די פילע משפחות אויך היי יאר קענען אריינברענגען דעם יום טוב מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף מיט הרחבת הדעת, און איר וועט זיין א גלייכע שותף אין די הייליגע ארבעט.

רופט אריין צו געבן אייער ברייטהארציגע נדבה, 718-384-1652 און דרוקט 0 צו לאזן א מעסעדזש, אדער קענט איר טעקסטן צו 917-578-0495.

**כל דכפין ייתי ויכול!**

***

## ברסלב׳ע מצה בעקעריי אין קרית ברסלב ליבערטי

מיט גרויס פרייד טוען אנשי שלומינו אויפנעמען די גוטע בשורה, אז נאך אזא לאנגע צייט פון ארבעטן און פלאנירן און בויען איז די מוהדר׳דיגע ברסלב׳ע מצה בעקעריי אין קרית ברסלב ליבערטי ברוך השם שוין אפן בשעה טובה ומצלחת.

די בעקעריי טראגט די שטרענגע השגחה פונעם דיין שליט"א, וואס מאכט זיכער אז די מצות ווערן געבאקן מיט די העכסטע מאס כשרות שטאפלען, מיט אלע חומרות והידורים וואס עס פעלט זיך אויס.

די הנהלה האט אויפגענומען א פולע שטאב פון טויגליכע היימישע ארבייטער יראי השם, אסאך פון זיי מיט פילע יארן ערפארונג, מען האט זיך דורכגערעדט מיט וועטעראן אנפירער פון היימישע מצה בעקערייען אין ניו יארק ווי אזוי אויסצושטעלן די בעקעריי אויפ׳ן בעסטן פארנעם, און געלויבט דעם אייבערשטן, אז די מצות קומען ארויס העכסט געלונגען, פיינע געשמאקע מהודר׳דיגע מצות.

אין א בריוו פארגאנגענע וואך מיטוואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א: "חסדי ה׳ יתברך מיר האבן זוכה געווען צו עפענען די מצה בעקעריי אין קרית ברסלב ליבערטי, די ערשטע ברסלב׳ער מצה בעקעריי. עס איז אונטער די השגחה פונעם דיין שליט"א, דער דיין זאגט: "נישטא נאך אזעלכע מהודר׳דיגע מצות"; איך פריי זיך זייער אז מיר האלטן שוין דא.

בכן וויל איך דיר בעטן זאלסט שוין באשטעלן פאר דיר און דיין משפחה - מצות פון די ברסלב׳ע מצות. די מצות ווערן געמאכט דורך אנשי שלומינו, זיי לייגן אריין תפילה והתבודדות. אלע וואס ארבעטן אין די בעקעריי זענען ערליכע אינגעלייט און ערליכע פרויען, אלעס דריידט זיך ארום תפילה, התבודדות און אמונה, דאס איז ריכטיגע (זוהר שמות, קפג:): "מיכלא דמהימנותא". העלף מיר בויען די מוסד, קויף דיינע מצות ביי אונזער בעקעריי.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צו (פסחים קטז:): "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים"; און צו (מיכה ז, טו): "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", אמן".

צוליב די קורצע צייט ביז יום טוב, איז שטארק באגרעניצט וויפיל מצות מען וועט קענען אניאגן צו באקן, דערפאר אויב ווילט איר באשטעלן פון די מהודר׳דיגע ברסלבע מצות דארפט איר רופן ווי אמשנעלסטן מו"ה ישראל שלום

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה ארי לונגער הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה אברהם ראטענבערג הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## יום טוב פסח

חיזוק, דרשות, שיעורים, מעשיות פאר קינדער, נוסח ההגדה, הלכות, און נאך; לכבוד דער פרייליכן און הייליגן יום טוב פסח

קול ברסלב

212-444-9191

1, 1, 9, 6

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876


< BreslevCenter.com >